דעם 25סטן אַפּריל 1995

טײַערער דוד,

כ׳שרײַב דיר אַ פּאָר ווערטער ווײַל כ׳האָב ערשט באַקומען דעם נומער PROOFTEXTS וועגן דער ייִדישער פּרעסע, און כ׳האָב עס גלײַך דורכגעלייענט (אַלץ בעסער ווי צו טראַכטן וועגן מאַנגערן, וועגן וועמען איך האָב גאָר נישט וואָס צו זאָגן!). אַ סך מאָל טראַכט איך אַז איך דריק דיר נישט אויס גענוג מײַן אָפּשאַצונג פֿאַר דער אַרבעט וואָס איר טוט, וויל איך אַ מאָל פֿאַרריכטן די "עוולה".

ווען כ׳האָב דורכגעלייענט דעם נומער האָב איך צום ערשטן מאָל געפֿילט עפּעס וואָס איז מיר פֿריִער נישט געקומען אויפֿן זינען - אַז מיר אין ישׂראל דאַרפֿן אײַך מקנא זײַן, וואָס איר מאַכט אַ זשורנאַל וואָס איך וואָלט זייער געוואָלט זען בײַ אונדז און וואָס וועט אַזוי גיך נישט ווערן - אַ זשורנאַל וואָס נעמט אַרום די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור. אויסער די אַלע פֿאָראורטיילן, דעם "כּנעניזם", די קלײַנלדיקייט צווישן די אוניווערסיטעטן און אָפּטיילונגען דאָ, איז אונדזער ספּעציאַליזאַציע אויך אַ שטער אַז אַזאַ זשורנאַל זאָל דאָ געשאַפֿן ווערן, און דערמיט פֿאַרלירן מיר די מעגלעכקייט אַז אונדזערע אַוואַנסירטע סטודענטן זאָלן קריגן אַ סינאָפּטיש בילד ווי עס שאַפֿט זיך בײַם לייענען אַ נומער פֿון PROOFTEXTS.

ווי כ׳האָב דיר שוין אַ מאָל געזאָגט איז דאָ עפּעס זייער פּאָזיטיווס אין דער התמדה, אין דעם פֿאַקט וואָס אַ זשורנאַל ווערט אַ שטיקל קולטורעלע אינסטיטוציע, און דאָס האָט איר באַוויזן צו טאָן. איז דאָס אַ שטיקל וווּנדער.

אין אַלגעמיין לייענט זיך דער נומער זייער אינטערעסאַנט. וועגן מאַרק בייקערס אַרבעט האָב איך געמישטע געפֿילן, און דאָס איז אייגנטלעך די סיבה הלמאַי איך האָב באַשלאָסן דיר צו שרײַבן. יאָרן לאַנג האָב איך אַ חלום אָנצוהייבן אַרבעטן וועגן דער ייִדישער פּרעסע אין אַ "סעמיאָטישן" קאָנטעקסט, נאָר איך ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט דעם, מעטאָדאָלאָגיש גערעדט. דאָס איז די טעמע וואָס איך וואָלט גערן געלאָזט מײַנע סטודענטן, ווען כ׳וואָלט געהאַט אַזעלכע. כ׳ווייס אַז "ערגעץ ווו" דאַרף זײַן מאַטעריאַל וועגן דעם, אָבער כ׳האָב זיך נישט אָפּגעגעבן אים צו געפֿינען. בין איך פֿון איין זײַט זייער צופֿרידן וואָס דער אַרטיקל האָט מיר געעפֿנט אַ פֿענצטער צו אַ נײַער וועלט: ווי אַזוי מע קען אַנאַליזירן דעם תּוכן פֿון אַ פּובליקאַציע, און כ׳בין זיכער אַז כ׳וועל צו דעם אַרטיקל צוריקקומען. פֿון דער אַנדערער זײַט עקבערט אַ שטיקל חשד, אַז: א) דער סטיל איז צו הויך פֿאַראַלגעמיינערט; ב)די עצם טעזע - אַז ייִדישע פּרעסע איז פֿאַרבונדן מיט דער אידעע פֿון "כּלל ישׂראל" - איז אין תּוך גענומען די טראַדיציאָנעלע טעזע וועגן דעם ווערט פֿון דער ייִדישער פּרעסע. ווײַזט אויס אַז מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט דעם - מיטן קענען באַווײַזן דאָס ממשות פֿון טראַדיציאָנעלע טעמעס אויף אַ סאָפֿיסטיצירטן אופֿן, ווײַל "אין חדש תחת השמש". ווער איז דער מחבר? כ׳פֿאַרשטיי אַז ער איז איצט אין ישׂראל; איז דאָך "שלעכט", ווײַל כ׳האָב איצט נישט קיין צײַט און קיין אינעוווייניקסטן כּוח זיך מיט אים צו פֿאַרבינדן. און אפֿשר יאָ?

אויך די אַנדערע אַרטיקלען זענען גאַנץ פֿײַן, מער ווי אינפֿאָרמאַטיוו. אין אַבֿידובֿ ליפּסקערס אַרטיקל האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אַ משונהדיקע כאַראַקטעריזאַציע פֿון מאַקס עריקס שאַפֿן (ז׳ 98). דאָס געשעט ווען מע באַנוגנט זיך מיטן אַרײַנקוקן אין דעם שער-בלאַט פֿון אַ בוך... מן-הסתּם האָסטו דאָך

דער צאָל סטודענטן (אַ 25), דאַרף איך לייענען אַ סך העברעיִשער ליטעראַטור. און דאָס איז פֿאַר מיר איצט גאָר גוט.

עס מיינט אויך אָבער אַז איך פֿאַרוואָרלאָז אַ ביסל די אַדמיניסטראַטיווע התחייבֿותן, וואָס כ׳האָב נישט ליב. פֿאַקטיש גייט דאָ נישט צו רייד וועגן אַדמיניסטראַטיווע התחייבֿותן, נאָר וועגן ״דעוועלאָפּמענט״: די קולבאַק-אויסגאַבע איז געבליבן שטעקן, וועגן דער סעריע ביכלעך ״שטאַפּלען״ טראַכט איך איצט נישט, און וועגן שרײַבן קען איצט קיין רייד נישט זײַן. אַלץ בלײַבט אויפֿן חודש בין-הזמנים, און אויך (דאַנקען גאָט) אויפֿן צווייטן סעמעסטער. דער עיקר פֿיל איך איצט אַז כ׳אַרבעט, און כ׳טו וואָס איך וויל טאָן - לערנען און לייענען.

נו, דער בריוו איז שוין געוואָרן לאַנג. נאָך זאַכן, אינעם קומענדיקן בריוו. וואַרט איך אויף דײַן ענטפֿער. האַרציקע גרוסן, דײַן

אברהם